בעזהשי"ת



# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך
סאטמאר קינדערגארטן
וויליאמסבורג

שנה י"ז - גליון 770
זמנים: עש"ק 5:23 – מוצש"ק 6:52

פרשת משפטים
עש"ק כ"ג שבט שנת תשפ"ה לפ"ק



## משנכנס אדר מרבים בשמחה

### שבת מברכים חודש אדר

**דער מולד וועט זיין דאנערשטאג ביינאכט, 2 מינוט נאך 7, ראש חודש איז פרייטאג און שבת קודש פ' תרומה**

## די לאנטש רום מעשיות

### מדבר שקר תרחק פון ליגנט לויף אוועק!

**די וואך** האבן מיר געלערנט די מדה פון זאגן נאר דעם אמת. ווי שטארק א איד דארף אכטונג געבן צו **זאגן נאר דעם אמת**, זיך דערווייטערן פון זאגן ליגענט, האט דער מנהל פארציילט עטליכע מעשיות, איינס פון די גמרא (סנהדרין) אז אמאל איז געווען א שטאט מיטן נאמען "**קושטא**" (קושטא מיינט אמת - וועגן דעם האט די שטאט געהייסן אזוי, ווייל דארט האט מען נאר געזאגט אמת) ווי דארט האט מען זייער אכט געגעבן נישט צו זאגן קיין שום ליגענט נאר דעם אמת, אזוי איז געווען א ספעציעלע זאך אז דער יצר הרע, (דער מלאך המות) האט מען דארט נישט אריינגעלאזט, ווייל ער זאגט ליגענט, ער זאגט אויף אן עבירה אז מען מעג עס טוהן. און אז דער יצר הרע (דער מלאך המות) קומט נישט דארט איז דארט קיינער נישט געשטארבן, ווען איינער איז געווארן אלט האט ער געדארפט ארויס גיין פון שטאט און דארטן נפטר ווערן,

**איינמאל** האט געמופט א נייע מענטש אין די שטאט "**קושטא**" אבער ער האט נישט געוואוסט אז אין די שטאט מעג מען נישט זאגן קיין שום ליגענט. פלוצלינג האט פאסירט אז זיינס א קינד איז נפטר געווארן ל"ע, עס איז געווארן א גרויסער טומל אין די שטאט אזאנס איז נאך קיינמאל נישט געווען! מען האט אויסגעפרעגט דעם מענטש האט מען געזעהן אז ער האט געזאגט א ליגענט, האט מען איהם געזאגט אז ער מוז "שוין" ארויסמופן פון די שטאט.

**די מעשה איז אראפ געלייגט געווארן פאר די קינדער לויט זייער פארשטאנד מיט אסאך אינטערסאנטקייטן. אדרבה הערט אויס די קינדער..**

**מיין רבי** האט אונז זייער שיין אויסגעלערנט אז א איד דארף שטענדיג זאגן נאר דעם אמת און חלילה נישט זאגן ליגענט מען האט פארציילט שיינע מעשיות פון **אכטונג געבן צו זאגן נאר די אמת.**

### א וואלף א וואלף...

**נאך א מעשה הערן מיר גוט**, ווי ליגענט זאגן ברענגט נישט קיין גוטס, ווען איינמאל האט דאס פאסירט ווען א פאסטוך (מעכי) האט איין טאג פלאנירט א פלאן צו פאר'נער'ן מענטשן, ער וויל חוזק מאכן א דזשואק... ער וועט שרייען זייער הויעך אז ס'איז דא א וואלף און די גאנצע שטאט וועט קומען צו לויפן עס וועט זיין מורא'דיג פריילך...

**געזאגט און געטוהן** ער נעמט א גרויסן מייק און הויבט אן שרייען: **א וואלף! א וואלף! געוואלד.. העלפט! ראטעוועט...** אלע מענטשן קומען שנעל צו לויפן מיט שטעקענעס צו ראטעווען און פארטרייבן דעם וואלף ער זאל נישט אויפעסן די שעפעלעך אבער זיי זוכן דעם וואלף און זעהן גארנישט! נאר זיי זעהן ווי דער פאסטוך שטייט און לאכט: א דזשאוק **ס'איז געלונגען, ס'איז געלונגען**, ער זאגט אז עכט איז נישט געווען קיין וואלף... אזוי האט ער געמאכט עטליכע מאל.

**אבער איינמאל** ווען עס איז די מעשה באמת געשעהן ווען א וואלף איז געקומען און דער פאסטוך (מעכי) שרייט זייער הויעך "**א וואלף א וואלף**" יעצט איז דאס עכט אמת קומט ראטעווען, א וואלף איז דא, אבער יעצט האט שוין קיינער נישט געגלייבט און קיינער איז נישט געקומען ראטעווען, אזוי האבן מיר זיך טאקע אויסגעלערנט אז איינער וואס זאגט ליגענט גלייבט מען איהם שוין נישט אפילו ווען ס'איז עכט אמת. **מדבר שקר תרחק!**

**די מעשה איז אויפגעשפילט געווארן אויך ביי די מיטוואך שפיל ווי די קינדער האבן דאס זייער שיין מיטגעהאלטן אזוי ממש ווי עכט..**

## ווינקל אינהאלט

- **משנכנס אדר מרבין בשמחה.**
- די לאנטש רום מעשיות.
- **הלכה פון די וואך מילכיג - פליישיג.**
- גראם פון די וואך - ווערטער באגריפן.
- **די מיטוואך שפיל ביי די קינדער.**
- מידה פון די וואך - שמוץ אויפן פלאר
- **"שעיפס" לימוד פון ביי די פרי קינדערגארטן**
- אפוועגן די האר
- **אדר אין חדר סי-די צובאקומען.**
- אויפגעשפילט ביי די נוירסערי.
- **חכמה'לעך פון קינדער.**
- מזל טוב וואונטשן.
- **ברוכים הבאים נייע קינדער**

**נייעס ליין און שער הנגינה !**

718-407-7460 **# 1/5/6**

## מילכיג מיט פליישיג !

**די וואך** ווען מיין רבי האט אונז אזוי שיין מסביר געווען פון דעם ענין אז מען דארף אכטונג צו געבן און אפטיילן פון **מילכיג צו פליישיג.** איז דאס געווען ספעציעל אזעלכע לימודים וואס מיר דארפן וויסן און מיטלעבן ממש יעדן טאג ביי אונז אינדערהיים. ווי א יעדע אידישע שטוב האט אין די קאך **צוויי סינקס**, יעצט ווייסן מיר שוין גוט אכטונג צו געבן אז קיין מילכיג'ע און פליישיגע זאכן טארן זיך נישט אויסמישן,

**מיר ווייסן** שוין אויך צו אכטונג געבן **נישט אריין לייגן א מילכיגע לעפל אדער טעללער אין א פליישיגע סינק** און דאס זעלבע פארקערט. אויך ווייסן

# פרייליכע מעלדונג פון סאטמאר קינדערגארטן לכבוד פורים

## סאטמאר קינדערגארטן וועט זיין פארשטעלט אין די "טיעם" פון "דוד המלך"!

**אלע קינדער פון סאטמאר קינדערגארטן וועלן זיך אי"ה פארשטעלן מיט הערליכע זאכן לכבוד פורים ספעשל ספעשל שיין! אין איין טיעם.. א יעדע יארגאנג עקסטער. די קינדער וועלן שטארק שטאלצירן און זיין באמת פרייליך דאס צו גיין אום פורים, די קינדער וועלן אי"ה האבן א ספעציעלע פורים שפיל צוגעפאסט לויט דעם וואס זיי זענען אנגעטוהן.**

די טיעם פון דוד המלך וועלן זיין ווי פאלגענד:

**קינדערגארטן** = דוד אלס קעניג.. **פרי קינדערגארטן** = דוד אלס פאסטוך.. **נויירסערי** = די צאן קדשים.

**ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר**

מיר שוין אז מען טאר **נישט בעטן פון מאמי נאך א פליישיגע נאכטמאל קיין מילכיגע זאכן**. יעדע וואך ווערן מיר צוביסעלעך געוואויר נאך שיינע מצוה'לעך פון די הייליגע תורה.

**אלע כיתות:** מיר האבן שיין געקאלערט די פליישיגע זאכן מיט די מילכיג'ע זאכן און דאס ארויף געקלעיבט אויף צוויי באזונדערע צעטליך דערנאך האט מען דאס שיין אריין געקלעבט אין 2 באזונדערע טעצער אזוי וועלן מיר דאס קענען שיין נוצן איינס פאר מילכיג און איינס פאר פליישיג.

יעצט וועלן מיר זייער גוט וויסן וועלכע מיר דארפן נוצן צום עסן.

## די מיטוואך שפיל אין לאנטש רום

**די וואך** איז געקומען די רייע אויף די כתה פון **הרב חיים לייפער שליט"א**, ווי זיי האבן אהערגעשטעלט דעם מיטוואך פלעי אויף א הערליכן פארנעם. אזוי ווי די וואך האבן מיר געלערענט עטליכע זאכן ענינים פון די סדרה, דעריבער האט מען אויפגעשפילט עטליכע טיילן פון די סדרה.

**בית דין!**

**צום ערשט** זעהן מיר א בית דין די דריי גרויסע רבי'ס א בית דין (יצחק ווערטהיימער, חיים טעללער, הערשל מיטטעלמאן) מיט די צוויי גבאים פון בית דין (הערשל מארקאוויטש, ישעי' פריעד) מיר זעהן איין איד (חיים שפילמאן) איז אויפן גאס און עס קומט א צווייטער איד (אברהם יצחק כאירה) און ער גנב'עט זיין שיך דער גנב לויפט אוועק מיט די שיך. דער איד לויפט צום בית דין ווייל **איינער האט גע'גנב'עט** פון איהם זיין שיך, די בית-דין שיקט די צוויי מענטשן די גבאים און זיי טרעפן דעם גנב און הייסן איהם שוין קומען מיט זיי צום בית דין זיי טראגן אים צום בית דין, די רבי'ס פון בית דין פרעגן פארוואס האסטו גע'גנב'עט דער גנב זאגט איך האב נישט גע'גנב'עט, מיר הערן ווי איין דיין זאגט מען טאר נישט גנב'ענען דער אנדערע דיין זאגט מען טאר נישט זאגן קיין ליגענט און ער דארף שוין באצאלן, יא מיר זעהן ווי ער טוט תשובה און באצאלט די שיך.

**השבת אבידה!**

**אזוי זעהן מיר** ווייטער ווי איין אינגל ((לייבי פילאפף) קומט מיט א פעקל ער גייט שפאצירן און דערנאך לייגט ער זיך אראפ אינמיטן וועג, און ווען ער גייט ווייטער, פארלירט ער זיין פעקל, זעהן מיר ווי עס קומט אן אנדערע אינגל (רפאל אהרן קנאפלער) ער טרעפט דאס, ער הייבט דאס אויף, און רופט אויס הויעך "**השבת אבידה**" ווער האט פארלוירן, אלע קינדער האבן זייער הויעך אויסגערופן: "**השבת אבידה ווער האט פארלוירן**" אזוי קומט ער צוריק דאס נעמען.

**אכט געבן נישט יענעם שעדיגן:**

**נאכדעם זעהן מיר** ווי איין אינגל (אברהם מאיר מויזקאפף) גייט עסן א א פעקל מיט א עפעלע.. און ערווארפט אראפ פון די עפעלע מיט די בעג אויף דער פלאהר, ער קוקט נישט ווי עס איז דא א גארביטש קען. און א צווייטע אינגל (מענדי כהנא) קומט צו גיין און ער גליטשט זיך אויס פון די בעג מיט די עפל, ער פאלט אראפ ער צוקלאפט זיך, פלוצלינג קומען צו לויפן די הצלה מיט די דאקטער (שאול שווארטץ, אשר קרויס, שלמה קויפמאן,

### קינדערגארטן

**מיר ווערן בארייכט מיט שפראך, ווען מיר לערנען זיך אויס יעדע וואך נאך נייע ווערטער מיטן ריכטיגן זאץ.**

**די אלע ווערטער, באגריפן, געפילן האבן מיר די וואך דערהערט זייער שיין.**

**ווערטער און באגריפן: באגריפן געפיהלן**

- בית דין - 3 גרויסע רבי'ס
- א פאסטוך - פירט שעפעלעך
- אכט געבן נישט שעד'יגן יענעם
- א שטאל איז א הויז פאר בהמות.

### גראם פון די וואך פרשת משפטים:

<u>סדרה גראם</u>

מיר לערנען זיך אויס זייער גוט וואס מיר דארפן,
און קיין שמוץ אויף דער ערד נישט אראפווארפן.

<u>מעשה פאסטוך וואס שרייט א וואלף</u>

א וואלף א וואלף פאר פלעין שרייט ער,
אבער ווען דער וואלף קומט עכט קיינער קומט נישט מער.

**א יעדעס קינד דארף און וועט אי"ה מצליח זיין צו שטייגן העכער בעז"ה**

## מידות וואס מיר האבן געלערנט די וואך !

**ספעציעל** האט מיין רבי די וואך ארום גערעדט פון דעם ענין **נישט אראפ צוווארפן קיין שמוץ אויף דער ערד,** ווייל אויסער דעם וואס עס איז נישט קיין דרך ארץ ס'איז נישט איידל אזוי צו טוהן, איז דאס אויך **א גרויסע סכנה,** ווי מיין רבי האט דאס אזוי שיין מסביר געווען, אז ווען א אנדערע אינגל וועט ארויף טרעטן אויף די שמוץ קען ער זיך חלילה אויסגליטשן און מען קען זיך זייער שטארק צו קלאפן ח"ו. אוודאי וועל איך שוין אכטונג געבן זייער גוט עס זאל דורך מיר ח"ו נישט ארויס קומען קיין שום שלעכט'ס.

לייבוש זילבער) זיי העלפן לייגן א גרויסע בענדיטש, און העלפן איהם ארויס גיין. אזוי האבן מיר זיך זייער גוט אפגעלערנט אז מען טאר נישט לייגן אדער ווארפן שמוץ אויף דער ערד ווייל דאס קען שעדיגן א צווייטן, נאר מען דארף אריין לייגן די שמוץ אין א גארביטש קען.

**דער פאסטוך שרייט א וואלף א וואלף...**

**דערנאך איז געווען דער קלימאקס פון די פלעי ביים אויפשפילן** די מעשה **א וואלף א וואלף!!** וואס מיר האבן געהערט במשך די וואך אין לאנטש רום. אז מען טאר נישט זאגן ליגענט, מיר זעהן ווי א פאסטוך (יעקב יודא ווערצבערגער) ער שטייט אין זיין שטאל הערליך אויפגעשטעלט אויפן סטעיטש, און גייט ארום פאשענען מיט זיין שטעקן און זיין פייפער, ער מיט זיינע שעפעלעך (שמשון ראזענבערג, מאיר רוקח) מיר הערן ווי זיי שרייען מעע.. מעע.. נאכדעם הערן מיר ווי דער פאסטוך וויל מאכן א דזשאוק ער נעמט די מייק אין די הענט און הייבט אן צו שרייען **"א וואלף" "א וואלף",** מיר זעהן ווי אלע מענטשן (שמואל הערש וויסמאן, אשר לעמל לאנדא, בערל יאקאבאוויטש, שלמה מאיר ראזענפעלד) זיי קומען צו לויפן מיט שטעקענעס צו כאפן דעם וואלף... אבער ווען זיי קומען אן צום פאסטוך הויבט ער אן צו לאכן הא... הא... הא... **די דשאוק איז געלונגען...** ס'איז נישט דא קיין וואלף, אזוי טוט ער צוויי מאל, ביז מיר זעהן ווי עס קומט א עכטע שרעקעדיגע וואלף (חיים שמעון רובין) ער לויפט צו די שעפעלעך, און די שעפעלעך שרייען מעע.. מעע.., דער פאסטוך נעמט נאכאמאל די מייק און שרייט מיט אלע כוחות **"א וואלף" "א וואלף", ס'איז אמת'דיג!! ס'איז עכט!!** אלע קינדער האבן געשריגן צוזאמען הויעך **"א וואלף" "א וואלף",** אבער דאס מאל איז שוין קיינער נישט געקומען ווייל אלע מענטשן גלייבן אים שוין נישט.

**אזוי** האבן מיר זיך גוט אפגעלערנט אז מ'טאר נישט זאגן קיין ליגענט, ווייל ווער עס זאגט ליגענט גלייבט מען אים מער נישט. אלע קינדער האבן אנגעהויבן זינגען **"ליגענט זאגן ליגענט זאגן טאר מען נישט ווייל עס איז אן עבירה..."**

## אויפגעשפילט ביי די נויערסערי כיתות

**די וואך** ווען מיר לערנען אין די סדרה פון **השבת אבידה** אז ווען מ'טרעפט אזאך דארף מען דאס שיין אויסרופן אין צוריק געבן האבן מיר דאס זייער שיין מיטגעהאלטען. **מיר האבן קודם געזעהן** וואס דארף מען טוהן ווען איינער פארלירט אזאך... מ'דארף דאס אויסרופן און צוריק געבן זייער שיין פאר יענעם.

**דערנאך האבן מיר זייער שיין מיטגעהאלטן** וואס מיר האבן געלערנט אין די סדרה פון נישט שעדיגן יענעם'ס אזאך און מ'דארף אכט געבן נישט אראפ צו ווארפן קיין שמוץ אויף דער ערד ווייל איינער קען זיך אויסגליטשן ח"ו, האבן מיר מיטגעהאלטן א אינטערסאנטע שפיל, מיר זעהן ווי **איין אינגל** האט אראפגעווארפן א זאך אויף דער ערד און א **אנדערע אינגל** האט זיך אויסגעגליטשט און אראפגעפאלן, קומט צו לויפן איינער מיט א טעלפאון און רופט שנעל הצלה, אלע קינדער האבן געשריגן צוזאמען **"הצלה! הצלה!"** מיר זעהן ווי צוויי קינדער אנגעטוהן ווי א עכטע הצלה קומען צו לויפן מיט א הצלה קיט און זיי לייגן ארויף א גרויסע בענדיטש, מען בינדט ארום זיין האנט אויך זיין שטערן וואס האט געבלוט... און יענע אינגל הייבט זיך אויף, נאכדעם ווערט ער געזונט. אזוי וועלן מיר שוין גוט פארשטיין נישט אראפ צו ווארפן שמוץ אויף דער ערד, נאר אלעס שיין אויפהייבן.

**אויך ווייסן מיר שוין** אז ווען איינער שלעפט א שווערע פעקל דארפן מיר אים גיין העלפן אזוי אויך ארויס העלפן א מאמע אינדערהיים.

**אויך האבן מיר שיין באגריסט** די נייע קינדער וואס די וואך אריין געקומען. און שיין אויפגענומען מיט א שמחה די חברים וואס האבן באקומען פיאות און געקומען לערנען די הייליגע א"ב. דער אויבעשטער זאל העלפן אז ביי אלע אידן זאל נאר פרייליך זיין. שטענדיג מיט הייליגע נחת.

## ספעציעלע נייעס ביי די פרי קינדערגארטן

**די וואך** האבן מיר פארענדיגט דעם סדר פון די קאלירן און מיר האבן אנגעהויבן ביי די פרי קינדערגארטן כיתות א נייעם לימוד פאר זיי, מיטן נאמען **"כשרונות"** וואס וועט בעזהשי"ת ארויף ארבייטן ביי די קינדער זייער פארשטאנד מיט די כשרונות פונעם קינד, מיט די זאכן וואס ער קען **באמערקן און פארשטיין חילוקים.** דאס איז דעם ענין פון **"די שעיפס".** ביי דעם לימוד וועט מען בעזהשי"ת לערנען און טוהן מיט די קינדער פארשידענע שיינע זאכן אי"ה די קומענדיגע וואכן.

**ביי דעם נייעם לימוד** טוהן די מלמדים אנווייזן פאר די קינדער געוויסע חילוקים פון איין זאך צו די צווייטע, און אזוי לערנען מיר זיך אויס יעדן טאג נאך שיינע זאכן. א ספעציעלע נייע קליינע ביכל האבן די קינדער באנייט מיט די שעיפס ווי עס איז געטוהן געווארן מיט זייערע הענטעלעך און זייער מח'ל כדי צו שארפן זייער פארשטאנד דורך עטליכע מעטאדן וואס וועט זיי שיין באגלייטן בעזהשי"ת.

**א ספעציעלן ביכל** וואס אויף א יעדן בלעטל האבן מיר געטוהן עפעס אינטערסאנט. די הענט'לעך זענען געווען זייער פארנומען, מיין רבי ווייזט אונז ביי יעדן בלעטל וואס מיר דארפן דא טוהן, מיר האבן געקלעיבט און געטון פארשידענע גוטע אקטיוויטעיטן מיט די שעיפס, אלעס מיט הנאה און געשמאק. מיר לערנען זיך אויס אזעלכע וויכטיגע זאכן.

**די קינדער וועלן אי"ה אהיים ברענגען דעם נייעם כשרונות ביכל ווען די קינדער פארענדיגן דעם ביכל אין חדר. אזוי וועלן דאס די קינדער בעסער לערנען און קענען מיט א פארשטאנד.**

# די הערליכע פירות טיש חמשה עשר בשבט אין חדר





די קינדער זינגען הערליך זיין: ביימעלע ביימעלע שיינע ביימעלע מיט וואס קען איך דיר בענטשן









אלע קינדער גייען אדורך און נעמען שיין צוויי קוקיס מיט איין טענדערין לכבוד חמשה עשר בשבט









# די הערליכע פירות טיש חמשה עשר בשבט ביי די נויירסערי

# די מיטוואך שפיל אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר # 1



די דריי גרויסע דבי'ס - א בית דין



דער גנב קומט



דער גנב לויפט אוועק



ער ברהאלט די שיך.





דער איד קומט צום בית דין אויסזאגן די גנב



מ'כאפט דעם גנב מ'ברענגט אים צום בית דין



די גנב קומט אן צום בית דין



די דיינים פרעגן אים: די האסט געגנב'עט ??



ער גייט שוין זיין וואויל און ער געט צודיק די שיך..



א יעדער ציילט ביז זעקס יאר.



דער דרילער ביים אויער



דער איד גייט מיטן פעקל



זעצט זיך אביסל אראפ



לאזט איבער דעם פעקל



א מענטש קומט אן ער טרעפט דעם פעקל



השבת אבידה וועד האט פארלוירן???



ב"ה איך האב שוין געטראפן דעם פעקל



גארביטש אופן ערד

# די מיטוואך שפיל אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר # 2



די עפעל מיט די בעג אויפן פלאר



ער פאלט אראפ



די הצלה מיטן דאקטער קומען צו פליען



מ'לייגט א גדויסן בענדיטש



מ'העלפט אים צו גיין



דער פאסטוך מיט די שעפעלעך



ער טראכט א גוטן דשאוק





ער פייפט מיטן פייפער אז די שעפעלעך זאלן קומען



מיטן מייק א וואלף!!! א וואלף!!!



א יעדער קומט צו לויפן ראטעווען





זיי זוכן ווי איז דער וואלף אבער דער פאסטוך לאכט זיי גוט אויס



די דשאוק איז געלונגען



נאכאמאל נעמט ער דעם מייק און שרייט



ער שרייט נאכאמאל א וואלף!! א וואלף!!



אבער קיינער קומט מער נישט



די עכטע וואלף איז דא אוי געוואלד!!!!



די זעהסט אז מ'טאר נישט זאגן קיין ליגענט!!

# די מיטוואך שפיל אויפגעשפילט ביי די נוירסערי



א אינגל מיט א פעקל אין זיין הענט



ער לייגט עס אראפ



גייט אוועק און פארגעסט



איינער טרעפט עס






השבת אבידה ווער האט פארלוירן




געטראפן דעם פעקל




ווארפט אראפ די בעג אויפן ערד











די הצלה קומט באנדאדשירן

## חכמה'לעך

ווען **ברוך** איז ארויף געקומען פון גאס האט איהם זיין מאמע געפרעגט וואו ביסטו געווען אזוי לאנג? ענטפערט ער מיט תמימות "איך בין געזיצן און געוווארט אויף משיח..... "

**מרדכי** האט געזאגט אז מען האט די צוויי חלות שבת ביים טיש, איינס פאר נעשה און איינס פאר נשמע...

ווען **יודא'לע** האט געזעהן זיין מאמע מאכן א קעיק און זי מאכט קודם די שניי מיט די מיקסער, פרעגט ער "ווען עס שנייט אויפן גאס איז אויך דא אייער?" ....

**ישע'לע** האט זייער שטארק געבעטן די הייליגע באשעפער אז ער זאל געוואונען ביי חברת תהלים, ער איז זייער שטארק פרייליך ווייל ער האט לעצטע וואך נאכאמאל געוואונען ביי חברת תהלים..

**ישעי'** האט געזעהן ווי זיין באבע האט באקומען א שניט פון א מעסער האט ער געזאגט: עס איז דם- בלוט...

ווען **שלום** איז אריינגעקומען פון בעקיארד האט ער געזאגט פאר זיין מאמע "כ'האב א מצוה! לא תחמוד!, משי ווייס האט א אייסעס און כ'האב גארנישט געגליסט ... מאמי, איך מעג האבן א אייסעס.....?

# שטארקן פאזיטיוון אפקלאנג
# איבער די רעפארט בריוו פון "מנהל'ס טיש"

**די קינדער ברענגען אהיים א בריוו** פערזענדליך פאר די עלטערן, (אויב אייער קינד האט דאס פארלוירן און נישט אהיים געברענגט ביטע מעלדט פאר זיין רבי צו געבן א נייע). איבער די רעפארט פון א קינד, ווי עס ווערט שטארק אויסגעשמועסט איבער די וויכטיגקייט פון דעם אז עס ווערט געמאכט א "**קינדער רעפארט**" אויף א יעדן איינציגן תלמיד. כדי צו געבן א מעגליכקייט און מאכן א חשבון מיט די געטרייע איבערגעגעבענע מלמדים וואס מען קען טוהן לתועלת התלמידים אין פאל עס נויטיגט זיך א ספעציעלע באהאנדלונג. עלטערן זענען די שותפים פון די טייערע אוצרות'לעך אונזערע תלמידים די טייערע קינדער און

**א יעדעס קינד דארף שטייגן און ערררייכן דאס מערסטע וואס ער קען מיט הצלחה..**

**עס איז נישט קיין נייע זאך דעם "קינדער רעפארט" אבער עס איז אנדערש דעם יאר מיטן טויש, אז עלטערן וועלן נישט אריין רופן צו הערן דעם רעפארט נאר די עלטערן פון די קינדער וואס עס פעלט זיך אויס עפעס ספעציעל וועט מען רופן בעזהשי"ת. און איבער שמועסן דעם תכלית וואס מ'קען טוהן מיט א קינד צו העלפן שטייגן.**

**עס איז צום האפן** אז עלטערן וועלן פארשטיין אז מיר זענען שותפים און נאר מיט א צוזאמען ארבייט וועט מען אי"ה עררייכן צום גוטן אן קיין עגמת נפש. דער באשעפער זאל העלפן מיר זאלן אלע זוכה זיין צו זעהן תענוג ונחת פון די טייערע אוצרות'לעך. די קינדער זאלן אויסשטייגן מיט הצלחה לתורה ויר"ש. ווי ס'איז די בעסטע וואונטש פאר אלע עלטערן.





**מיר מאכן די שיינע סטיקערס אויף די קאליר ביכל**





**מיר שפילן זיך שיין אין די כיתה**

בס"ד

# בשורה טובה ומשמחת

**מיט פרייד טוהן מיר מעלדן** פאר די חשוב'ע עלטערן אז עס איז נאכאמאל דא צו באקומען **ביי אונז אין חדר** און אויך ביי די לאקאלן פון קרן שמואל ישעי' **די הערליכע סי-די "אדר אין חדר"** וואס מיר האבן ארויסגעגעבן אין די פארגאנגענע יארן, **עס איז צוגעשטעלט געווארן** מיט אסאך אינטערעסאנטקייטן, א רייכע פארציילונג שיין באגלייט מיט Sound Effects.




**עס איז שטארק אינטערעסאנט** פאר די קינדער דאס צו הערן, זיך צו באקענען מיט אלע ענינים פון דעם יום טוב פורים לויט זייער פארשטאנד. דאס העלפט אסאך ארויס די קינדער מיט די מעשה פון די מגילה, די קינדער לעבן שטארק מיט דערמיט און האבן הנאה דערפון. דאס האלט די קינדער שטארק געשפאנט. עס איז הערליך שיין אויפגעשפילט און ארויסגעלייגט

- ❖ מגילת אסתר
- ❖ משלוח מנות
- ❖ מתנות לאביונים

**אויך איז דאס דא צו באקומען אין א USB פארמאט ביי די קרן שמואל ישעי' לאקעישנ'ס.**

**אדרבה!** אז איר קויפט דאס פאר אייער קינד, וועט ער לעבן מיטן יו"ט פורים, ער וועט אייך דאנקבאר זיין דערפאר בעז"ה.

**א פרייליכן פורים.**

ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר

דאס איז די זעלבע סידי פון פאריאר עס איז מעגליך אז איר האט דאס שוין.

**עס קאסט** $5.00 **אויב ווילט איר דאס קויפן שיקט דאס געלט אין אן ענוועלאופ ארויף געשריבן די נאמען פונעם קינד אז דאס איז פאר א סידי.**

*ישעי' יצחק הכהן רובין, מנהל סאטמאר קינדערגארטן*

## <u>אפוועגן די האר</u>

**ווי עס איז באקאנט דער גרויסע ענין אפצוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל און מען גיבט די געלט פאר צדקה.** (כמובא בספר מטעמים ערך שערות, וכבר נזכר בשו"ת הרדב"ז ח"ב סי' תר"ח, ועוד) **פאר סיי וואס פאר א פראגע איבער די הייליגע סגולה פון אפוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל אדער צו באשטעלן די אפוינטמענט**

**ביטע רופט : הרב יואל ווערצבערגער הי"ו 347.452.8336**

**ובזכות הצדקה וועט דער הייליגער באשעפער זיכער העלפן איר זאלט זוכה זיין צו זעהן רב תענוג ונחת דקדושה פון דעם קינד און אלע אייערע קינדער בבריות גופא ומזוני רויחי בשפע רב ובהרחבה גדולה ביז מיר וועלן אלע זוכה זיין בקרוב זיך צו פרייען אינאיינעם בבנין בית הבחירה בביגוא"צ בב"א.**

## נייעס ליין שער הנגינה

**געוועגדליך ווערט די שער הנגינה גע'אפדעיטעד דאנערשטאג ווי די קינדער זינגען די ניגונים וואס ווערט געלערנט מיט זיי.**

**718 407-7460 1/5/6 הערט און האט'ס הנאה**

## ברוכים הבאים

מיר ווילן באגריסן די נייע קינדער וואס האבן די וואך אנגעהויבן חדר בשעטומ"צ

**שמואל מאשקאוויטש, יושע שטיינמעטץ**

## ברכת מזל טוב חמה ולבבית

**פון טיפן הארצן וואונטשן מיר א הערצליכן מזל טוב פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענער מלמד**

# הרב שלמה ניסן שליט"א

**צו די שמחה פון דעם אפשערן זיין קינד און איהם פירן אין חדר**

# ה"ה הילד כמר רפאל אברהם נ"יו

**למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת**

דער באשעפער זאל העלפן אז איר זאלט צוזאמען מיט די ב"ב שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון איהם און פון אלע אייערע קינדער מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און תלמידים**

# מזל טוב ווינקל

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**נחום** בן הרב אפרים הערש **מאשקאוויטש** נ"ו
**לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב אהרן דוד רובינשטיין שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**חיים** בן הרב יודא לייב **פוקס** נ"ו
**לכבוד זיין מומע איז א כלה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב אהרן דוד רובינשטיין שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יצחק** ב"ר שלום **קעסלער** נ"ו
**לכבוד די געבורט פון זיין ברודער**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב אהרן דוד רובינשטיין שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**חיים אלי'** ב"ר אשר יעקב **קליין** נ"ו
**לכבוד די געבורט פון זיין ברודער**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב ירמי' מאיר פאגעל שליט"א**
**הרב יחזקאל אביגדור קליין שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**אלטר יודא** בן הרב נפתלי הירצקא ברא"ז **פריעדמאן** נ"ו
**לכבוד זיין שוועסטער'ס חתונה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל הכהן כ"ץ שליט"א**
**הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יצחק** ב"ר יוסף שלמה **פריעדמאן** נ"ו
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל הכהן כ"ץ שליט"א**
**הרב יואל מיכאל גאטהערער שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שלמה ארי'** ב"ר יחיאל **גוטמאן** נ"ו
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יעקב מאיר סרוגא שליט"א**
**הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**רפאל אברהם** בן הרב שלמה **ניסן** נ"ו
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יעקב מאיר סרוגא שליט"א**
**הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**חיים** ב"ר שמואל ברוך מנחם **שטערן** נ"ו
**לכבוד זיין שוועסטער איז א כלה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב שמעון הלוי שטיינבערגער שליט"א**
**הרב שמעון פריעד שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**רפאל אהרן** ב"ר יואל ב"ר ישראל **קנאפפלער** נ"ו
**לכבוד ער איז געווארן א פעטער / פלומעניק**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב חיים לייפער שליט"א**

**ברכת מזל טוב וצאתכם לשלו' פאר הילד**
**יואל הערש** ב"ר יעקב **קטינא** נ"ו
**לכבוד זיין מופן קיין קרית יואל**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב חיים לייפער שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**בן ציון דוד** ב"ר יושע **פריעדמאן** נ"ו
**לכבוד זיין מומע'ס חתונה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב מרדכי מאיר בער גליק שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יודא** ב"ר נפתלי שמואל **כהנא** נ"ו
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל שלמה פארקאש שליט"א**
**הרב ירמי' סג"ל לעווי שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יושע וואלף** ב"ר יואל ב"ר ישראל **קנאפפלער** נ"ו
**לכבוד ער איז געווארן א פעטער / פלומעניק**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יודא לייב פוקס שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יצחק** ב"ר נפתלי הערש **מייער** נ"ו
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל שלמה פארקאש שליט"א**
**הרב ירמי' סג"ל לעווי שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שלמה** ב"ר שמואל ברוך מנחם **שטערן** נ"ו
**לכבוד זיין שוועסטער איז א כלה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב אברהם הלוי בערגער שליט"א**
**הרב יחיאל שטעסל שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שמעון** ב"ר טובי' ליפא **גראס** נ"ו
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב ברוך הורוויץ שליט"א**
**הרב יואל לעבאוויטש שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**הערש פינחס** ב"ר אברהם חיים **היימאן** נ"ו
**לכבוד זיין אפשערן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב ברוך הורוויץ שליט"א**
**הרב יואל לעבאוויטש שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יששכר דוב** ב"ר שמואל מאיר **שפילמאן** נ"ו
**לכבוד זיין פעטער איז א חתן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יצחק קארפען שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**שמואל אליעזר** ב"ר משה ארי' **הערשקאוויטש** נ"ו
**לכבוד זיין פעטער איז א חתן**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב יואל וואלף שווארטץ שליט"א**

**ברכת מזל טוב פאר הילד**
**יצחק** ב"ר אברהם **ווערטהיימער** נ"ו
**לכבוד זיין מומע איז א כלה**
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
**הרב חיים לייפער שליט"א**

## הערליך שיין - פראקטיש - ביליג







**שמחות ביי אידן ב"ה. עס איז אונז געלונגען אהער צו שטעלן שיינע "מזל טוב" פעקלעך פאר גאר ביליג. דאס טוט באשיינען די אידישע שמחות ב"ה, פילע עלטערן בעלי שמחות זענען שטארק דאנקבאר ווי שיין און ביליג די פעקלעך זענען געווען,**
**מיט די העכסט צופרידענהייט.**
**באזונדערע שיינע דיזיינס לויט די שמחה,**
**קרי"ש ליינען – וואכנאכט, א הערליכע פרינט בעג.**
**אפשערן און חדר פירן א הערליכע פרינט בעג, אזוי אויך ביי סיי וואס פאר א שמחה אז איר ווילט פעקלעך ווי למשל הכנסת ספר תורה, אדער חברת תהלים, סיי ווען איר דארפט א "שיינע מזל טוב פעקעלע" זענען מיר גרייט אייך דאס צו צושטעלן בעזהשי"ת.**

**פאר באשטעלונגען רופט דעם חדר נומ. 2217 # 718-407-7460**

**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד – צו באשטעלן פעקלעך רופט אין אפיס: 6 – 718-407-7460 Ext 1**